

מיכל ליכט

געצייכנט פון עוועלין מאַרקאָן

# מינל ליכט:

## סיסטעם און רעלאַטיווקייט אין פּאָעזיע

— פון —

נ. ב. מינקאָוו

Library
of
Naum Kamenetzky

פאַרלאַג אידיש לעבן

נויאָרק 1927

Copyright 1928
N. B. Minkoff

מיכל ליכט:

# סיסטעם און רעלאַטיוויטעט אין פּאָעזיע

Library
of
Naum Kamenetzky

די אורזאַך, וואָס שטערט פּאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין אַ דערשיינונג ווען נאָך אין כאַאָטישן צושטאַנד, סיידן אַז איר פּראָצעס פון פאָרמירונג איז שוין פאַרענדיקט און פאַרורזאַכט אַזוינאָך די פּערספּעקטיוו וואָס העלפט צו זען קלאָר איר מהות, ליגט אין דער שוועריקייט צו באַפרייען זיך פון פאָרורטיילן און סענטימענטן כדי איבערצושאַפן אין זיך מיט דער הילף פון סיסטעם דעם געדאַנק פון דער רויער דערשיינונג און דערפירן זי באַוואוסטזיניק צו אַן אָביעקטיווער קאַטעגאָריע. די דאָזיקע שוועריקייט דערלויבט מיט איינצוזען פאַקטן, אורזאַכן און מיטלען. ניט אריינדרינגענדיק אין זיי קאָן מען זיי ניט באַזייטיקן און אויך ניט אָננעמען. די וואָס האָבן דערבראַכט זייער באַוואוסטזיניקייט צו אַ פאַרנונפטיקער אָרדנונג אויפן סמך פון אָביעקטיוויזירטער דערפאַרונג און אויסנוצונג פון חושים ביז דער העכסטער אָנשטרענגונג פון זייערע מעגלאַכקייטן, זיינען געווען די וועגווייזער פון דער מענטשהייט. מיט אימפּולס און צופאַל פון עמאָציע קאָן מען אָפּגעשוואַכט ווערן אין נידערלאַגעס אויפן וועג צו זעלבסט און וועלט דערקענטניש און אַזוינאָך ניט אויסנוצן זיך און דאָס ארומיקע אין דער פולסטער מאָס לויט דעם אייגענעם באַדוף, ווייל דאָס אימפּולסיווע און עמאָציאָנעלע, וואָס קוואַלט פון אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין, פאַרגיסט און צעשטערט אונדזער קלאָרקייט און ריינעם זין, אויב מיר לערנען זיך ניט אויס דאָס אָמוועגדן אָדער איינגאַנצן פאַרניכטן לויט אונדזער פאַרלאַנג. דעם קינסטלערס עובדא איז אויסצואיבן זיין באַאָבאַכטנדיקע און וויזיאָנערישע קראַפט אַזוי אַז ער זאָל קאָנען אינטואיטיוו סיסטעמאַטיזירן די גרונט־פּראָצעסן אין כאַאָטישע דערשיינונגען און דורך זיין אויסדרוק דאָס אָפּצושאַצן אינסטינקטיוו. די גראַדאַציע צווישן קינסטלער ווענדט זיך פון זייער קאָנען אינטעלעקטואַליזירן די דאָזיקע מעגלאַכקייטן און דערברענגען

דעם אויסדרוק פון זייערע באַאָבאַכטונגען און וויזיעס צו צערעבראַלער ריינקייט. דערפון נעמט זיך דאָס וואָס אין צייט פון נייע גייסטיקע אָריענטאַציעס קאָנען בלויז די באַוואוסטזיניקע קינסטלער זיי אויס־נוצן און די אומבאַוואוסטזיניקע ווערן פון די אָריענטאַציעס אויסגע־נוצט. אין פאַל פון די ערשטע ווערט אַריינגעבראַכט אַ נייע גייסטיקע דערגרייכונג דעמאָלט ווען דורך די צווייטע ווערן פאַראורזאַכט אָנ־צאָליקע איבערחזרונגען מיט זייערע אויסערלאַכע פון פריער אָנגענו־מענע מאָדע־מוסטערן. אַלס ביישפּיל קאָן דינען יעדע שול און ריכטונג אין קונסט. פאַרן גרעסטן טייל קינסטלער, ספּעציעל עמאָ־ציאָנעלע, איז יעדע ריכטונג אַן אויסערלאַכע קאַטעגאָריע וואו זיי זעען נאָר די אויסערלאַכע אַטריבוטן און גלויבן אַזוינאָך אַז בלויז אין דער נייער פאָליטור אָדער קאָמבינאַציע פון קעגנשטאַנד, וואָרט און קלאַנג ליגט דאָס הויפּטגעוויכט, ביז וואַנעט דאָס ווערט מיט דער שנעלער צייט אַ קלישע און דורך אַ נייער מאָדע אָפּגעווישט; דעמאָלט ווען פאַר די צערעבראַלע אָביעקטיוויזירנדע קינסטלער ליגט דער שווער־פּונקט אין דער נייער פון זיי געשאַפענער סיסטעם אויפן סמך פון דער טראַדיציע און דעם קעגנוואַרטיקן מאַטעריאַל אויסנוצנדיק דאָס לעצטע פאַר אַ קינפטיקער גייסטיקער קאָנסטרוקציע. די קלישע מאָדערניסטן צ. ב. אויטענטיזירן זיך מערער מיט זייערע קאָנסומירער וועלכע זיימען אויך אין דער מאַיאָריטעט און זיינען דערפאַר מער אָננעמבאַר איידער די קינסטלער וואָס דערגרייכן אינווייניקסטע סיסטעם־דויערהאַפטיקע רעזולטאַטן דעמאָלט ווען די לעצטע ווערן אין דער קעגנוואַרט דערזען בלויז פון די ווייניקע וואָס זיינען ראוי צו סיסטעמאַטיזירן און צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין נייע אָנשטרענגונגען. די צייט אָבער, ווען דערשיינונגען פאַרענדיקן זייער „פּראָצעס פון פאָרמירונג“, שווענקט אַראָפּ די ערשטע אין ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען און טראַנספיגורירט די צווייטע אין דויערנדיקע וועגווייזער וואָס פאָרמירן דעם גאַנג פון אונדזערע וויטערדיקע אַנטוויקלונגען. דערמיט לאָזן זיך אייגנטלאַך דערקלערן די מאָדנע פאַקטן וואָס אַ סך גרויסע גייסטער, אין זייער צייט איינצלנע אינאָוואַטאָרס, האָבן

דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון פאַרלוימדונג אין פאַרשידנאַרטיקע גראַדאַציעס ביז די צייט אַליין האָט זיי באַוויזן אין זייער נייער, פון זיי אַריינגעבראַכטער אָרדנונג און האָט געביטן די באַציאונג צו זייערע פאַרלוימדער ווי אויך צו די פון זיי אָנגעמבאַרע פראַכטפולע שמעטערלינגען וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן פון דער ליכטיקייט וואוהין זייערע פאַרערער האָבן זיי געווענדט.

צווישן די פילע דיכטער וועמען די כוואַליעס פון פאַרגענגלאַכע נייקייטן פאַרטראָגן וואו דער צופאַל וויל, שטייט מיכל ליכט א באַוואוסטזיניקער אויף אן אויסגעפאָרשטן קאָמקרעטן באָדן און סיסטע־מאַטיזירט דאָס כאַאָטיש־רוישנדיקע און דורכגעטראָגענע אין קאָנקרע־טע פאָרמולעס און ווענדט זיי אָן לויט זיין אייגענעם ווילן.

רעדנדיק אין זיין דריטער פּראָצעסיע וועגן אונדזער חוט־השדרה וואָס בייט זיך ניט און דערציענדיק דעם טויט לאָזט זי עלנד „די צעווערימטע רויע ערד" פון אונדזער לעבן, באַמערקט ער אַז צוויי נייע צוגעקומענע סימבאָלן (מיט זייערע פאַרשידנאַרטיקע רמזים) זיינען דער באַשטאַנד פון אונדזער מאָדערניזם: דער ערשטער סימבאָל — „און וויפיל שוין געזאַמלט פאַרן קרן היסוד?" און דער צווייטער — דער פּראָווינציאָנעלער אויפברויז — „ראַדיאָ". זיין מאָדערניזם באַשטייט ניט אין דעם טראָגן „דאָס ביסל לייזאַכץ" פון יעדן לעצטן „יאריד", נאָר אין דער ניי־געשאַפענער אָרדנונג וואָס ווערט גענויט פון דעם נייעם מאַטעריאַל און דער נייער אָריענטאַציע און ווערט פון אָט דעם אַלעם ר ע ל אַ ט י ו ו אויסגענוצט, ווייל

„צוויי מאָל צוויי איז אַ קאַפּאָטע
פון אַטלאַס
און זיגזאַגן
לויפן פאַראַלעל צו אַ ראָמבוס,
ביז זיי שלאָגן זיך אָן אין רינצלען"
(אין שליסל פון וויים)

דעריבער איז ביי אים אַ באַוואוסטזיניקע פאָרמולע, וואָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון רעלאַטיווקייט, דער סאַמע קווינטעסענץ פון אַ דערשיינונג, אָבער די אָנווענדונג און באַלויכטונג איז אַלעמאָל אין רעלאַציע צו דעם „ווי אַזוי" און „וואו" און „צוליב וואָס" ווערט אָנגעווענדט די פאָרמולע. אַן אומדערפאַרן אויג קאָן עס אָננעמען אַלס סתירות צווישן פאַרשידענע באַציאונגען אויב עס פאַרזעט דעם גרונטקוואַל פון וועלכן עס שטראָמען באַגריפן, אינטואיטיוו אָפּגערייניקט פון פאַרשידענע כאַאָטישע צופאַלן און אינסטינקטיוו אָפּגעשאַצט די וועלאָסיטעט, קראַפט, שטח און צייט, זייערע אורזאַכן, שיכותן און פּראָגנאָזירונגען אין אָנגעזיכט פון דעם לעבן מיט זיינע אוניווערסאַלע צוזאַמענגעוואָרצלטע אָפּשפיגלונגען. דאָס דאָזיקע כאַאָטישע לעבן ווערט פון אים הנחה־מעסיק דערצערט ביז צו דער לאַנגזאַמסטער קלאָרקייט אין זיין ליד „שטילקייט און רעגונג":

„פיל איך ווען נאָר רעגונג באַוועגט זיך דאַן מיין קערפער
אַזוי מאָדנע און ציט מיך צו עטוואָס וואָס איז פוסט און ליידיק.
ס'איז גוט
צו פילן שטילקייט. שטילקייט איז אַ לאַבירינט פון זאַכן וואָס געווען
פאַרוואַנדלט דורך מאַגיק אין זאַכן וואָס זיינען. רעגונג —
ניין. רעגונג אַנטבלויזט די פאַרלאַנגען. שטילקייט
דעקט זיי איבער מיט אַ טייערן קילן שאָטן.

רעגונג איז אַ פוילער הונט וואָס בענקט
נאָך רו. שטילקייט איז דער פלינקער יעגער
פון עכאָס. רעגונג לויערט אויף מיר אין טאָג־ליכט,
שפאַנענדיק איבער די אומרויִקע שטאָט־גאַסן. שטילקייט
פילט מיין וועזן אָן ווי איך וואָלט בלאָנדזשען
איבער די פאַרגרינטע שטעגלאַך פון וועלדער. רעגונג
איז אומווירדיק, ווייט פון שיין, אָפּשיילאַך. שטילקייט

אָבער — וואו נאָר איך זאָל ניט קומען, דאָרט איז אויך
פאַראַן דער וואונדער פון לעבן. און דאָס איז —
שטילקייט".

מאַרינעטי, וועלכער האָט אָנגענומען די לאַסטן פון דער פאַר־גאַנגענהייט אַזוי אַז די שולד פון ניט קאָנען זיך צוליב זיי ווייטער באַוועגן און „אַנטבלויזן אונדזערע פאַרלאַנגען" איז געפאַלן אויף זיין „אורזאַך און ווירקונג"־אויסטייטשונג פון דער טראַדיציע, האָט ניט איינגעזען אַז ניט די פאַרגאַנגענהייט איז שולדיק נאָר דער פוטוריסט וואָס וויל זיך באַפרייען פון קאָפּוויייטיק דורך אראָפּנעמען דעם קאָפּ. „דער שפּרונג אין דער צוקונפט" מוז האָבן אַן אָנשפּאַר־פּונקט פון וואַנעט מען קאָן שפּרינגען. די שולד ליגט אין דעם וואָס דאָס דערפאַרענע צוזאַמען מיטן אמתן און פאַלשן אין דער טראַדי־ציע איז ניט באַזיגט געוואָרן דורך די פוטוריסטן מיט דער הילף פון אָפּקלויב און אַזוינאָך באַצוואונגען די שטאַפּלען פאַר דער צוקונפט.

אין קעגנזאַץ צו דער אימפּאָזאַנטער געפעכט־אָנשויאונג מיט אירע וואַנדאַלישע באַרעכטיקונגען וועמעס „אורזאַך און ווירקונג" איז די אומקאָנסעקווענטקייט פון זייער טראַכטן, באַווייזן זיך אויפלויכ־טונגען פון מאָדערנע קינסטלער וועלכע זיינען ווייט פון ריטערלאַכ־קייט נאָר וועמעס געוואַגטקייט באַשטייט אין בלויז „האַלטן קאָפּ" און דערפירן אויסלעבונגען ביז אַ קאָנסעקווענץ אין רעלאַציע מיטן לעבן און אויפן סמך פון די פאַרשידענע אַטריבוטן וואָס דער סך־הכל פון דער טראַדיציע האָט באַפעסטיקט.

אין ליכטס אינטואיציוויקייט ליגט דער באַגריף אַז דער בערג־סאָנישער „עלאַן וויטאַל" איז די „רעגונג וואָס אַנטבלויזט פאַר־לאַנגען" און די שטילקייט, די טראַדיציע, וואָס „דעקט זיי איבער מיט אַ טייערן קילן שאָטן", איז „— — — אַ לאַבירינט פון זאַכן וואָס געוועזן פאַרוואַנדלט דורך מאַגיק אין זאַכן וואָס זיינען."

אָן דעם סכום דערפאַרונגען ווייסן מיר ניט וואָס אָנצונעמען אַלס אַ הנחה, וואָס אָפּוואַרפן, פון זיך אָפּווענדן, ווי אַזוי צו דער־

גרייכן דורך סינטעזן אָדער אַנטיטעזן נייע ווערטן און ווי אַזוי זיי דערבערענגען צו מעגלאַכער פּערפעקטער דויערהאַפטיקייט, אַפּהיטנדיק אַזוינאָך דאָס אורשפּרינגלאַכע פון אומנוויטיקע צופאַלן און פאַרשווענ־דערישקייט. דערפון נעמט זיך די פאַרשטענדניש, אַז דאָס ניט דער־פאָלגרייכע מאַניפּולירן מיט זיך, מיט דער קינסטלערישער פאָרוים־פאַרטראַכטונג און מיט דעם פורעם וואָס אַנטשפּרעכט די דאָזיקע פאַרטראַכטונג, איז אומפאַרמיידלאַך, סיידן אַז מען האָט דערפאַרן די אומפאַרמיידלאַכע דערפאָלגן, שטרויכלונגען צוזאַמען מיט זייערע אור־זאַכן און מען ווענדט זיי אָן האַרמאָניש צו דעם מאַטעריאַל, דער עפּאָכע, די פון פריער צוגעגרייטע מעגלאַכקייטן און אייגענע לימיטאַציעס.

דאָס מערקט זיך ביי ליכטן נאָך קלערער אין זיינע דערציילונגען, אין וועלכע ער איז אַן אינאָוואַטאָר. יעדע דערציילונג איז אַ באַזונדער לעבן מיט באַזונדערע געזעצן אין פאַרטראַכטונג און באַהאַמדלונג. אין דעם פּרט איז ער פון די גאָר ווייניקע אידישע דערציילער וואָס זיינען ווייט פון קלישע און ביי וועמען עס חזרן זיך ניט איבער דער אינהאַלט און די פאָרם, ווייל דאָ אַרבעט אויך זיין רעלאַטיווער צוגאַנג. אפילו צו און אין דער טראַדיציע („שטילקייט") באַציט ער זיך שכלדיק, כדי ניט אַריינפאַלן בלינדערהייט אין דער

„טיר וואָס האָט זיך צעעפנט מאַיעסטעטיש
און געזאָלט דיך פאַרשלינגען"

(„פּערספּעקטיוו")

וואו דער פּאַטוס שלעפּט זיך אַרום אַמאָל מיט אונדזערע לעבנספולע חושים, די

„פינק ריזן־שוואַלבן
מיט וואונדערלאַך־אַקאָרדירטע אינסטרומענטן
(וואָס) פאַרפלייצן די וועלט מיט געזאַנג"

(פינק שוואַלבן)

און אַמאָל

„מיט בעלמעס אויף די אויגן

שוועבט פּאַטום . . .
פּאַטום זוכט עמיצן
אַ לונג־און־לעבער אים אויפן נאָז אָנהענגען —
פּאַטומס טאַדלענדיקע מיסיע."
(פּערספּעקטיוו)

אין זיינע לידער „טראַדיציע" און „סאָפּיסטן־גאַלעריע" ווערט די דאָזיקע רעלאַטיווקייט נאָך בולטער אונטערשטראָכן. דאָרטן וואו די טראַדיציע איז פון זיך אליין שוין ארומגעראַנדט מיט א זיכערער „אורנע פון גראָ־שטויביקן ליים" פילט ער אז

„אַזאַ היילוקער עמפּירישער הויך
וויקלט מיך ארום
אין מיין פולשטענדיקער שטילקייט"

און דאָרטן וואו דער קאָנעסער פאַרהייליקט די טראַדיציע צוגעבנדיק צו איר לעגענדאַרישקייט דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון אומבאַגרינדע־טער פאַרערונג שניידט ער אויף דעם פאַרהאַרטעוועטן טאַבו־שאַלאַכץ און באַווייזט אונדז די מעגלאַכע נאַקעטקייט, וואָס איז, אייגנטלאַך, אַ סאַטיריזירונג איבער אונדזערע מיינונגען.

דער קונסט־ליבהאָבער אין זיין „סאָפּיסטן־גאַלעריע" טרעט ניט אריין אין דעם ענין „מיקעל אנדזשעלאָ" כדי אים צו באַגרייפן, נאָר באַנוגנט זיך מיט א „גראַוויר ארבעט פון מיקעל אנדזשעלאָס בילד" און

"די געבראָכענע שטריכן
פון דעם סקולפּטאָרס פאַרומערט־קרעפּטיקן געזיכט
מאַכן אים זאָגן :
„מען זעט דעם קאָלאָסום
דורך די וווי־פון־שטיין געהאַקטע
און האַרטע ליניעס אין זיין אויסדרוק..."

און דאָ ווערט די טראַדיציע אליין געשיקט פון ליכטס קריטי־

ש ע ר קלאָרקייט אויפהענגען דעם קונסט־ליבהאָבער „א לונג־און־לעבער אויף דער נאָז“:

„און די פאַרגאַנגענהייט פאַרגראָבן
אין די מיריאַדן פאלדן פון פינף הונדערט יאָר
שעפּטשעט קוים אין זיין טויבן אויער:

„דער ברוטאַלער טאָריגיאַנאָ דעל טאָריגיאַני ה אָ ט צ ע ק ר י פּ ל ט ח ב ר י ש ד אָ ס ג ע ז י כ ט פ ו ן ז י י ן מ י ט ש י ל ע ר ב ו אָ נ אַ ר אָ ט י *) ווען ביידע האָבן געלערנט סקולפּטור אין בערטאָלדאָס שול אין מוזעאום פון אַנטיקן, אויסגעהאַלטן פון לאָרענזאָ דע מעדיטשי אין די גערטנער פון סאַן־מאַרקאָ“.

דאָ באווייזט די טראַדיציע אז „די ווי־פון־שטיין געהאַקטע און האַרטע ליניעס אין זיין אויסדרוק“ נעמען זיך דערפון וואָס טאָריגיאַנא האָט אים גוט־ברודעריש צעקריפּלט זיין פנים, און אז ניט צוליב דעם איז ער קאָלאָסום און די „געזיכט־ליניעס“ זיינען די ראיות.

דער פעסטער באָדן פון דערגרייכונגען ליגט אָבער ניט בלויז אין דעם סכום דערפארונגען וואָס ווערט באַנוצט צוזאמען מיט דעם נאָר־וואָס דערוואָרבענעם מאַטעריאַל, נאָר אויך אין דעם מיטל ווי אזוי מען באַנוצט זיך דערמיט. דער דאָזיקער מיטל הענגט אָפּ פון דעם עמאָציאָנעלן עלעמענט, וועלכער דורך פאַרשידענע ניט־פאָרויסגעזעענע צופאַלן און כאַאָטישע אומריינקייטן פאַרשווענקט די מעגלאַכקייט צו ווירקן אויפן קאָנסומירער, אָדער דערזעלבער עלעמענט ווערט קאָנט־ראָלירט, באַזיניקט, אָפּגערייניקט פון ווילד־פלייש און ווערט דערפירט ביז דער ריינסטער קאָנצענטרירסטער דורכזיכטיקייט.

א גרויסע צאָל וואָס פּראָדוצירן קאָן מען צורעכענען צו די וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען מיטן וואָרט אימיטאַטאָרס. אונטער דעם נאָמען קאָן מען פאררעכענען אלע די וואָס, — אנשטאַט

*) אונטערשטראָכן פון מיר, נ. ב. מ.

אינטעלעקטואַליזירן זייערע עמאָציעס אָדער מיט דער הילף פון ריינער פאַרנונפט אײנגאַנצן זיך באַפרייען פון זיי און זיך ארויסטויכן אַזוי־ נאָך בלויז אין דער סאַמער ריינסטער און דורכגעלייטערסטער עסענץ, — באַנוצן זיך בלויז מיט זייער זכרון וועלכער, צום באַדויערן, בייט זיך ניט אין זיינע צוזאַמענהאַנגען מיט יעדן וואַקסנדיקן צוג. זייער זכרון, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט דאָס אויבנאויפיקע פון זאַכן שוין דערגרייכטע, געדענקט אַז ווען מען רעדט וועגן אַ געוויסן קעגנ־ שטאַנד דאַרף מען צו דעם קעגנשטאַנד צושרייבן אַלע אַטריבוטן און אייגנשאַפטן וועלכע מען פּראַקטיצירט אין אַזאַ פאַל און אויב דאָס ווערט נאָך געטאָן מיטן צומיש פון (פרישן צופלוס וואָס איז ספּאָנ־ טאַניש צוליב דער מאָדע) „און וויפיל שוין געזאַמלט...‟ און אויך „ראַדיאָ‟ וואָס איז פאַר דעם זכרון אויך אַן אויבנאויפיקע דערגרייכונג, דאַן האָט מען אויסגעבויט אַ בנין לויט אַ מוסטער, אָדער עטלאַכע מוסטערן צוזאַמענגענומען, פון פרעמדע אויפטואונגען. עס קאָן אויס־ זען פּאַראַדאָקסאַל וואָס דער גרעסטער טייל עמאָציאָנעלע דיכטער זיינען זכרון־קינסטלער, ד. ה. עמאָציע־אימיטאַטאָרס. דאָס קאָן ווערן איינגעזען ווען מען באַטראַכט זייער אורשפּרונג, וואָס שלאָגט פון דעם פאַרזיכערונג־געפיל ניט צו פאַרשפּילן דורך אייגענע געוואַגטקייטן, ווייל אָן פרעמדע פּאַרטיקע מאַנעקענען וועלן זיך זייערע ווערטער און אימאַזשן־קליידער ניט האַלטן. נאָך קלערער ווערט עס ווען מען זעט איין אַז די דאָזיקע קינסטלער קאָנען זיך ניט אויסהיטן פון שאַבלאָנען און מיט דורכפירן און רייניקן דורך דעם אינטעלעקט זייערע אַרץ־רווי־ קייטן פון וועלכע עס זאָל בלייבן בלויז דער ריינער מעטאַל.

דער אָבער וואָס אָנט אַז די רעאַליטעט פון פּאַסירונגען, דוכטע־ נישן און געפילן קאָן אין פולן זין פון וואָרט אָפּגערייניקט ווערן פון שוין־פאַרהאַרטעוועטע צוואוואוקסן, און דעריבער געטראַכט ווערן, שאַפט אין דער רעאַליטעט אינערע אָרדנונג און דערוויסט אויף זיין וועג צום אויסדרוק אין דעם צוזאַמענשטראָם פון באַגריפן (אָדער ער זעט איין אַז עס איז אומבאַגרייפלאַך), די אורזאַכן פון די עמאָציעס,

פון זייער ווילן און פון זייער מענטאַלער אקטיוויטעט וואָס פילטרירט זיי דורך.

דער אינטעלעקטואַליסט וועלכער געפינט זיך אין דער מינאָריטעט, לגבי דער מאיאָריטעט זכרון־קינסטלער, ברענגט אָפט זיין דערגרייכונג צו דער „אורעא־מעדיא“, ווייל דער „גאָלדענער מיטן“ איז דער קאָמפּראָמיס צווישן עמאָציע און דער קאָנטראָלירונג פון דער עמאָציע. די דערפירטע האַלב־אקטיוויטעט באַשאַפט א סך גוטע מיטלמעסיקע ווערטן, וועלכע זיינען דער גרעסטער באַשטאַנד־טייל פון דעם וואָס מען רופט קולטור און אָן וועלכע מען וואָלט געקאָנט זיך גרינגער באַוועגן אויפן וועג צו ווייטערדיקע פּרואוון. אָבער די ביז־דער־לעצטער־טרעפּ־דערפירטע קינסטלערישע אקטיוויטעט, וואָס ווערט איינגאַנצן פון עמאָציעס באַפרייט און דערברענגט צום פאָרמולאַטיווסטן אויסדרוק בלויז דעם לעצטן פייער־ריינסטן זאָמען פון דער עמאָציע אין איר סך־הכלדיקן סימבאָל, האָט אויסגעקריסטאַליזירט די צערע־בראַלקייט צו דער פאַר־עקסעלאַנס פאַרשטענדיקייט, פאַרנונפט, ווילן, באַוואוסטזיניקייט, וועמעס אָפּוועזנהייט האָט פאַרורטיילט

„די זויבערע ערנסטקייט וואָס האָט די טאַטן באַגלייט
און זייער שיינקייט מיטגעהאָלפן“

צו רוען

„......באַוועגלאָז
אויף די גרונטן פון סמבטיון!“

(פּראָצעסיע 3)

אין ליכטס פּראָצעסיעס אם מערסטן לויכטן אויף די צופאַלן פון דער „שפּיל“ דורך די ציוויליזירטע אויסגעצערטע תחנונים און ווערן מאָדולירט דורך די זיבער־געשניצטע אימאַזשן־רמזים.

דער שליסל צו אַלאַדינס לאָמפּ איז פאַרפאַלן געוואָרן
נאָך לאַנג פאַר דעם האָט ער געראָסטעט אין דער קעשענע
פון אונדזער פאַרגעסנהייט           האָט אָקס־מוט

אויף אים זיין פאַרדאַכטיקן בליק געוואָרפן
און שאָף־טרויער אים אריינגעשליידערט אין טיפן אָפּגרונט פון ים

נאָר די בויגיקע שורה וואָס דער שליסל האָט פאָרמירט
אין חלול קערט זיך צוריק ווי אַ בומעראַנג
צום מיטלפּונקט פון אונדזער האַרץ און השגחה
פירט אַלץ מיט איר מינדסט־פינגערדיקן נאָגל
סודותדיקע אותיות אויף פּאַרמעט־ערד אוים

באַוועגלאָז ליגט ווירבל־מוט אויף דעם ראַנד פון
שאָף־טרויער ס׳ציִשעט שאָף־טרויערס בלוט
אין די רערן פון ווירבל־מוט
(מיר האָבן קיין שליטה ניט איבער די געוועלקטע בלעטער
פון די ברוין־פיסיקע ביימער וואָס האַלטן זיך קוים אין שורש)

מוט און טרויער פּאַיאַצעוון איבער אונדז
מיט צופעליקע סגולה־געדאַנקן (פּראָצעסיע 3)

די צופאַלן וואָס דערפירן אַז אונדזערע פיס זאָלן ווערן

„. . . געפּענטעט דער קאָפּ אָפּגעשוואַכט"

ווערן אזוי פיל וואַריאירט אין ליכטס ארבעט אַז עס הייבט אָן צו ווערן פאַרשטענדלאך אַז דאָס ניטשעאַנישע געוויסן און רב דודל טרים־קערס „לא הלב" זיינען ניט נאָר ליכטס פאָרמולע וואָס דאַרף אריינ־ברענגען ריינקייט אין אונדזער עסטעטיק, נאָר אַז דורך דער פאַר־נונפטיקער עסטעטיק געפינען מיר זיך אויטאָמאַטיש אין די גרונט־לאַגן פון עטישער האַנדלונג ד. ה. מיט קאָנסטרוקטיוו־קולטיווירטער שיינקייט באַזיגן די אומגערעכטיקייטן וואָס זיינען מיאוס מער ווי אומגערעכט. ביי ליכטן איז דער פאַרביטערטער קאַמף אויף אַלע ליניעס פון אונדזער לעבן בלויז אַ פראַגע פון דעם קאַמף צווישן קאָפּ און האַרץ.

„קומט צופליען אַ זויבערער געדאַנק
וואָס האָט אין פּראָצעס פון פליען
זיך פאַראומרייניקט אַן עטערישן פליגל
און ראָיעט אויס אַ נעסט פאַר זיך אום
אויסצוזיצן אַ לעבנספּעאיק איי

טרעט ער אַריבער אַ פּאָר צעלעכצטע צאַמען
באַצויגן מיט פּאַוועטינע־רו     וואַרפט
פליטיקע בליקן אַרום     און נעמט זיך
צו דער אַרבעט פון יווירונג
ניט צופעליק ווי עס איז פאַר אונדז די זון
דער טונקעלער איבערגעקערטער טעלער פון אָוונטיקן הימל
דער צפון־בלאָזנדיקער ווינט וואָס זאָגט אָן שניי

אויסגעמאָסטן און פּינקטלאַך געוואויגן
ווי דער גילדערנער קערן אין אַן אומבאַארבעט רוי שטיק ערד
אויף אַ וואָג־מאָס וואָס מיר האָבן פאַרפעלט ביז איצט
פעסטצושטעלן     פירט דער פליטיקער געדאַנק אויס
אַ דיאַגראַם אויף די שפּאַלטן פון געהירן
מיט אַן אייטלדיק־פאַרשפּיצטן בלייפעדער

דינע פּאָקוסדיקע וויבראַציעס
באַגיין געוואַלט איבער דער פּאָלקסטימלאַכקייט
פון האַרץ”

דער אומגליק פון אַלע אומגליקן ליגט אין דער פּרימיטיווקייט פון האַרץ און דער „פּאָלקסטימלאַכקייט“.

שנאה איז אין האַרץ     ניט אין קאָפּ
און קאָפּ וועט אַזוי לאַנג נאָכקלערן ווי אַזוי צו היילן האַרץ

ביז ער וועט געווינען און געלונגט עס ק אָ פּ
נאָר איינמאָל צו געווינען האָט ה אַ ר ץ שוין פאַרשפּילט דאן
אַזוי פאַרשפּילט אַז עס בלייבט קיין פּרוטה ניט ביי דעם
אויפסניי אין קאָן צו שטעלן פאַר דער געוואַגטער
אַזאַרטער שפּיל וואָס ביידע האַלטן אין איין פירן . . . —

דאָס צערעבראַלע איז ניט ניי אין דער אידישער פּאָעזיע. ביי ליכטן אָבער איז דאָס ניט קיין אייגנשאַפט נאָר דער הויפּט־עלעמענט דערבראַכט צו אַ פולן אָרגאַנישן פּרעציזן אויסדרוק, צו אַ קעגנזאַץ פון גענעראַליזאַציעס, וואָס זיינען צוליב אינטעלעקטלאָזיקייט אַזוי באַליבט אין דער אידישער ליטעראַטור. די גענויקייט און פּינקטלאַכקייט פון ליכטס מעטאָד זיינען ניט אַזוי וויכטיק דערמיט וואָס זיי האָבן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור פאַרורזאַכט אַ סך פאַלן פון „גאַל־אויסגוס“ און אינטערעסאַנטע מעגלאַכקייטן פאַר שטודיעס איבערן אינטעלעקטועלן און קולטורעלן צושטאַנד פון אונדזער סוביעקטיווער וועזנטלאַכקייט, נאָך מער דערמיט וואָס זיי האָבן בולט אונטערשטראָכן דעם אַבערגלויבערישן מיטלאַלטערלאַכן לופט־באַגריף, אַז

„ — — — מיט אַ פאָרשטעלונגס־מיטל
ווי מיט אַ שם־המפורש איז עס גאַנץ מעגלאַך צו דערגרייכן
ניט אָנצושטרענגען די דענקונגס־קראַפט“

דאָס צערעבראַלע ווערט צוליב איר זויבערקייט, פּינקטלאַכקייט און פּרעציזקייט אויסגעדריקט אין פ אָ ר מ ו ל ע ס פון געשעענישן, וויזיעס און בילדער, וואָס ווערן צוליב דעם שאַרף־ארומנעמענדיקן וואָרט פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן, מעג די רעאַלקייט פון דעם מאַטעריאַל זיין ווי אויגנשיינלאַך. די דאָזיקע סימבאָלישקייט, די ניט מיסטיפיקאַטאָרישע נאָר גרינטלאַך־ניכטערע, פאַרוואַנדלט ביי ליכטן דאָס רעאַלסטע אין אַ ווייט אָפּגערוקטן, קלאָרן שלומער־צושטאַנד. דאָס איז ליכטס „שטילקייט“ וואָס פאַרדעקט די רעגונג „מיט קילע

שאָטנס", דער אויסדרוק פון ריינקייט וועלכער לויכט אין זיינע אַרבעטן.
אַלס ביישפּיל קאָן דינען:

## זונטיק — פינפטע עוועניו

צוויי פערד אין אַ לאַק־געשפּאַן
און זייערע העלדזער
געבויגן ווי פּייער ראַקעטן.

די גומי־רעדער פון פיאַקער
זאַפּן איין אין זיך
דאָס שטילע גערויש פון שפּאַצירער אין גאַס.

די יונגפרוי וועמעס רו טוליעט זיך
צום גלאַט־באַשלאָגענעם געוואַנט פון פיאַקער
באַטראַכט אין האַלב־ליגנדיקער פּאָזע
די וויטרינעס: גרויסע בלינדע אויגן.

די בייטש איבער דעם רוקן פון פערד
בליצט ווי אַ קאַפּריזער זיגזאַג,
און עמיצער פאַרלויפט דעם וועג
מיט פאַרכטיקער אײַלעניש אין די אויגן.

ליכטס פינצעט־שאַרפע עקסטראַהירטע סימבאָלן „רעגונג" און „שטיל־קייט" זיינען דערקלערונגען פאַרוואָס אים מאַטערט דער דואַליזם: טראַדיציע און קעגנוואַרט, דער פלוס און מינוס פון דעם חיהשן און מענטשלאַכן אין אונדז, דער צוזאַמענשפּיל פון מאַן און פרוי, שכר און עונש, דאָס שיינלאָז־רעאַלע און דאָס אומפאַרמיידלאַך־אַפנאַרע־רישע. וואָלט ליכט זיך באַנוגנט מיט די דאָזיקע קעגנזייטיקייטן און

סתירות וועלכע זיינען דער באַגאַזש פון אַלע מענטשן און דערפאַר אַבסאָלוט ניט אָריגינעל, וואָלט ער געקאָנט גרינג באַטרעטן דעם דורכגעפלאַכטן וועג וואָס געבערט ליטעראַטור, ד. ה., די זעלבע איבערחזרונגען, וואָס פאַלן אַזוי שווער אויף די אומקלויבערישע מענטשן, קינסטלער ווי קאָנסומירער, באַצויגן בלויז מיט אַן אַנדער גלאַנציק הייטל וואָס, ווערנדיק אין לויף פון אַ קורצער צייט אָפּגעבליאַקעוועט, אַנטוישט און צעטומלט ביז אַן אַפּאַטישער טעמפּקייט אָדער ציניזם. די רעלאַטיווקייט וואָס ווערט דורך אים, אויפן סמך פון קלאָרן אויג און פילן מיטן קאָפּ, אַריינגעטראָגן אין די קעגנזייטיקייטן און סתירות און טאָפּלענדיק דאַריבער די קאָמפּליצירטקייטן אויף מאָך מער ווידערשפּרוכן, העלפט אָבער דער אַנטוויקלונג פון דעם „מוז" וואָס רעזולטירט אין דעם אויפבוי פון דער שטרענגסטער אָרדנונג ; וואָס, באַזיגנדיק אָדער אינגאַנצן פאַרניכטנדיק די אינסטינקטיווע זעלבסטהערשונג פון עמאָציעס, שאַפט דעם ריינעם עקסטראַהירטן אויסדרוק, דער דערגרייך־פּרייז וואָס איז דער קרייץ און די דערלייזונג פון יעדן שאַפער. די ציכטיקייט פון ליכטס סימבאָלן, אימאַזשן, ווערטער און ווענדונגען לאָזט אויך קלערער צו באַמערקן מיט זייערע דערפאָלגן און קאַרגקייטן דאָס זעערישע און דאָס וויזיאָנערישע, די צוויי הויפּטפענאָמענען פון יעדן קינסטלערישן מהות.

דאָס וויזיאָנערישע איז אין דעם שאַפער, אָבער די אָנרעגונג שטאַמט אומבאַוואוסטזיניק פון פאַרשידנאַרטיקע און ניט אַלעמאָל דערקלערבאַרע שטיך־פּונקטן פון רעאַלן לעבן. דערפאַר פירט דאָס וויזיאָנערישע אין זיין אַנטוויקלונג די קאָאָרדינאַציע פון מיטשטראָמענדיקע פאַקטן, וועלכע ווערן אין קעגנזייטיקער צוזאַמענהעפטונג קאָנקרעטע עמבריאָס און שפּעטער ביים פּראָצעס פון אויסדרוק דער פולער סימבאָל, אפילו ווען עס ווערט דיאַמעטראַל־קעגנזעצלאַך צו דעם רעאַלן לעבן פון וועלכן עס שטאַמט. דערמיט וואָלט מען אפשר געקאָנט דערקלערן דעם סימבאָלישן עלעמענט אין דער „ריינער פּאָעזיע" און דאָס שטרעבן בלויז צום פּאָעטיש־אַפּאָלאָנישן גענוס פון די סימבאָליסטן.

דאָס זעערישע איז שוין די רעאַליטעט זעלבסט, וואָס קאָן ווערן באַמערקט פון דעם שאַרפערן חוש, מער געאיבטער אינטואיטיווקייט און ניכטערערן וואונטש. דאָס דערזען רעאַלע זאַכן ווי זיי וואָלטן שוין ניט געווען אין „פּראָצעס פון פאָרמירונג", דאָס סימבאָלישע אין זיי און זייערע צוזאַמענהאַנגען, דאָס איינזען די דוכטעגישן און צונויפזאַמלען זיי ווידער ווען זיי ווערן צעשטערט פון דעם ברוטאַלן „פּשוטן שכל" אָדער דורך דעם פּלאַטאָמישן אויפן וואָר „דערינערן זיך" אָדער דורך אַריסטאָפאַנס שמייכל, — דאָס קאָנען זיי אָביעקטיוויזירן און אַריינגיין אין און אַרויסגיין פון זיי לויטן פאַרלאַנג, — דאָס דאָזיקע דערזען און אויסדריקן איז דאָס זעערישע אין זיין פולן קינסטלערישן באַדייט. מען דאַרף אָבער ניט צונויפמישן דאָס „זעערישע" מיט דער „רעסטאַווראַציע פון פּאַסירונגען", פון וועלכער מיר האַלטן זיך אין איין באַפרייען מיט איבערמי, אַזוי גרויס זיינען אירע טאָג־טעגלאַכע צופלוסן.

דער ניט־וויזיאָנער ווי ניט־זעער פאַלט צו צו פּאַסירונגען אין לעבן (געוועזענע, מעגלאַכע אָדער פאַרלאַנגטע) און מיט דער הילף פונם אויסדרוק רעסטאַווירט ער די פּאַסירונגען און „שילדערט" זיי טריי פון לעבן. ווען די „טרייע אָפּשפּיגלונג" ווערט פערפעקט גע־מייסטערט איז ניט קוקנדיק אויף דער אַרבעט בלייבט די „זאַך" אַ פאָטאָגראַפיע אָן קינסטלערישער אָנרעגונג אַליין פאָרצווזעצן איר שאַפונגס־פּראָצעס לויט יעדערנס באַגער, סיידן אַז דאָס רעאַליסטישע ווערט צונויפגעוועבט מיט דעם „וויזיאָנערישן" אָדער מיט דעם „זע־ערישן" וואָס ברענגט צו דער העכסטער אידעאַליזירונג, טראַגישקייט, סאַטירע אָדער אַ צונויפוואַנדל פון די אַלע דריי עלעמענטן.

מיטן „פּאַסירונגען רעסטאַווירן"־מעטאָד באַנוצט זיך מערסטנ־טייל דער „זכרון־קינסטלער" ד. ה. דער אימיטירער פון פאַקטן אָדער פון קלישע־מעגלאַכקייטן, ווייל ער קאָן דאָ זייער גרינג מאַניפּולירן מיט פאַרטיקע טיילן און זיי גרינג צונויפשטעלן. ער קאָן ניט שאַפן רעלאַטיווע שיכותן, ווייל דער זכרון דערמאָנט זיך נאָר וועגן קלישע.

אויב דער פּראָזע־שרייבער אָדער דער פערזן־שרייבער וואָס באַ־

מוצט זיך מיט דער נאַראַטיווער פאָרם גלויבט אַז „רעסטאַווראַציע" איז דער באַרוף פון קונסט — דאַן אָבער שטרעבט ער ניט צום צומיש פון וויזיאָנערישע און זעערישע קוואַליטעטן און היט זיך אַזוינאָך פון נאָך מערערע שטרויכלונגען. זיין דורכפאַל איז גענוג גרויס דערמיט וואָס ער האָט „זיינס" ניט אריינגעטראָגן סיי אין אינהאַלט און פאָלגלאַך אויך אין פאָרם. דיכטער פון ריינער פּאָעטישער פאָרם וועלכע שטעלן זיך אַלס אויפגאַבע צוריק צונויפשטעלן פאַסירונגען, אָבער זייער פאָרם איז ניט נאַראַטיוו, ווערן געצוואונגען אריינצוברענגען אָדער פאַר־וואַנדלען דאָס פשוטע פונם מאַטעריאַל אין א מין רמז און מיט ניט־דערזאָגטע ווערטער מאַכן דעם איינדרוק פון מיסטיציזם, וואָס ווערט צום באַדויערן, צוליב דעם וואָס דאָס ווערט אַלץ געטאָן מיט דער קראַפט פונם זכרון, פון קלישע (און דעריבער אָן דעם רעלאַטיוון פאַר־יעדן ווענד, איינדרוק און אויסדרוק), פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַ־שטימטקייט וואָס איז דאָס באַליבסטע און וויכטיקסטע אין די אויגן פון מענטשן. דערפאַר זיינען אַזוינע שריפטשטעלער, אויסערגעוויינ־לאַך פרוכטבאַרע, מיסטיפיקאַטאָריש און סיסטעמלאָז רמזימדיק. ווי עס ווייזט אויס קאָן פּאָזע אויך אפשר בלויז פון דעם אמת זעלבסט פּאָזירט ווערן און הענגט אויך אַלעמאָל אָפּ אָן שיכותן פון די מאַ־טעריאַל־אומשטאַנדן און קאָנקרעטער סיסטעם און דאָס ווערט פאַר־זען פון די קלישע רעסטאַווירער.

אין קעגנזאַץ צו די צופאַל־מיסטיקער וואָס האַלטן זיך אויף „אומבאַשטימטקייט" כדי ארויסקומען „טרוקענע" פון יעדער מעג־לאַכער אויסטייטשונג איז ליכט פון די קאָנקרעטע דיכטער וואָס לאָזט זיך ניט אין וועג אָן א באַשטימטן ציל און אָן א פּינקטלאַכער אָריענטאַציע פון עמאָציעס און געדאַנקען. ניכטערקייט און וויסנשאַפט־לאַכקייט איז דער צושטאַנד פון וועלכן מען איז געוואוינט צו אַנט־לויפן און א סך באַהאַלטן זיך אין צופעליקע מיסטיש־איראַציאָנעלע אַספּיראַציעס. אויב עס האָבן זיך געפונען מער קאָנסטרוקטיווערע וואָס האָבן ניכטערקייט און אויסגערעכנטקייט אַוועקגעשטעלט אַלס זייער באַזע, זיינען אָבער די פון זיי וואָס האָבן אין פּראָצעס פאַרגעסן

דעם ציל פון קונסט, אריינגעפאַלן אין פּראָקלאַמאַציעס ווי דאָס האָט פּאַסירט צ. ב. מיט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין אין באַצוג צו זיין גרעסערן טייל ארבעט.

דער טאָן פון ליכטס פּאָעזיע איז אַ סענטימענטאַלער, און זיין אויסדרוק אַן עמאָציאָנעלער — דאָס איז זיך ניט סותר מיט זיין ניכטערקייט, וואָס קאָנטראָלירט זיי. זיין אַרבעט באַווייזט אַז צוזאַמען מיט סובטילער שיינקייט, טרוימען און געפּילפּולקייט מוזן צוליב זייער קלאָרקייט און ריינקייט מיטפאָרן שכלדיקייט און וויסנשאַפטלאַכער זין, וואָס ברענגען אינטעלעקטועלן געׄנוס מער ווי עמאָציאָנעלן. ווי אַ העלפט פון אַ צעבראָכענעם טאַליסמאַן, וואָס איז נאָך גרויסע מאַטערנישן און אַנטוישונגען געפונען און צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער צווייטער העלפט, פאַרורזאַכט אינטעלעקטועלן געׄנוס דורך דער לאָגישער צוזאַמענהעפטונג פון די ניט־גלייכע ברוך־זיגזאַגן, אָדער ווי אַ שווער רעטעניש ווערט פאַנאַנדערגעפּאַלדעוועט און לייגט זיך זיניק און לייכט אויפן אָנגעשטרענגטן שכל — אַזוי איז דער געׄנוס פון ליכטס ארבעט אונטער וועלכער עס שטראָמען עמאָציאָנעלע זעערישקייט און סענטימענטאַלע וויזיע. זיין וויזיע ווי זיין עמאָציע שווימט ניט אויף דער אויבערפלאַך און זי ווערט מער געאָנט נאָכדעם ווי מען ווערט קלאָר אין דער רייכקייט פון זיינע זעערישע קוואַליטעטן, ווייל ליכט איז מער זעער ווי וויזיאָנער, מער קריטיקער ווי טרוימער. דערפאַר ווערט פון אים רעלאַטיוו, קלאָר און אָביעקטיוו דערזען דאָס לעבן, וואָס איז די אומפאַרשטענדלאַכע, גרויזאַמע צונויפפירונג און פאַנאַנדערהאַפטונג פון (קעגן אונדזער ווילן) רעטונגס־וואונטשן און ברוטאַלע רעאַליטעטן, וועלכע האַלטן אונדז אין געדאַנק־און־זעלאומציכטיקייטן. כאָטש די ניכטערקייט און דאָס דורכדרינגלאַכע קריטישע זעען דערפירן ליכטן צו סקעפּטיציזם און איראָניע, ווערט ער אַלץ מער קאָנסטרוקטיוו און ברענגט זיך אַלץ פּינקטלאַכער ארויס. די ניכטערקייט און דער סקעפּטיציזם, ווי די סענטימענטאַלקייט און דער אינטעלעקט, זיינען זיך דאָ אויך ניט סותר ביי ליכטן, ווייל אויף ריינעם אינטעלעקט און וויסן מאָדולירן

זיך סענטימענטן און עמאָציעס, ד. ה. אויף ריינער קלאָרער ניכטער־קייט און אָביעקטיוון אַנאַליז פון לעבן בויען זיך חלומות פון טרוימער, וואָס לייזן אויס איראָניע מיט גוטמוטיקן מיטגעפיל און הילפלאָזיקייט מיט צערבעראַלן כח. „נאָר דורך אָפּהיטן דעם גלויבן אין מענטש־לאַכע חלומות וועלן מיר אפשר קאָנען נאָך אַמאָל, ווען־ניט־איז זיי פאַרווירקלאַכן“ (דזש. ב. קעבל). די איינציקע זאַך וואָס היט אָפּ „דעם גלויבן אין חלומות“ איז דאָס עסטעטישע וואָס ברענגט אריין העכערע מאָמענטן פון זין — די דערפאַרונג וואָס געבערט געטער אין דער איינזאַמקייט, אין געפאַרן און אויף עשאַפאָטן.

דאָס לעבן וואָס נויטיקט זיך אין זעלבסט־אויסדרוק, ווערט, צוליב דער אָרדנונג וואָס דער אויסדרוק פאָדערט, דערזען אין קאָנקרעטע סימבאָלן וואָס זיינען צענויפגעשטעלט פון ווערטער. ניט קיין ווערטער פון אַ געוויסן וועזן, נאָר פון דער דערשיינונג „מתנת־הדיבור“, וואָס בינדט די סימבאָלן צונויף מיט זייער אורשפּרונג און געווינטשטן צו־קונפטיקן זין און שאַפט אַזוינאָך דעם צוזאַמענהאַנג מיטן אוניווערסאַלן אין דער בחינה פון נייע דערקענטנישן, ווייל אויב דערשיינונגען פון דער נאַטור זיינען אירע סימבאָלן, זיינען די ווערטער דידאָזיקע סימ־באָלן. דערפאַר לעבן ווערטער זייער אייגן לעבן און האָבן זייערע אייגענע געזעצן. די וואָס טראָגן אין זיך דעם באַוואוסטזיניקן תוכן פון ווערטער, געפינען אויך מיטלען ווי אמבעסטן צוקומען צו זיי. דער־מיט דערקלערט זיך די באַציאונג צום אות און פּונקטואַציע.

אין ליכטס דריטער פּראָצעסיע ווערן אין מערער ערטער פאַר־ענטפערט אימאַזשן, ריטמען און אינטאָנאַציעס דורך דער דערפאַרענער אָנווענדונג פון דעם בייטבאַרן פוס־גאַנג, שורה־שטעל, פערזן־באַשטאַנד און אַ סך פּאַוזעס אַנשטאַט פּונקטואַציעס (אין אָפּרוקן ווערטער ווי זאַצן איינע פון די אַנדערע). דאָס ברענגט צו אַ האַרמאָניש־לאָגישער מאָדולאַציע פון אינהאַלט און פאָרם. די וואָס פאַרלאָזן זיך בלויז אויפן קלאַנג און ניט אויפן זין פון וואָרט וועלן אומזיסט זוכן שפּייז פאַר זייער „זעלאָנרעגונג“ אין ליכטס אַרבעט, ווייל די אָפּנבאַרקייט פון

זיינע פילטרירטע געפילן און שכלדיקייט באַווייזט זיך נאָכן איבערעכן פון זיינע ווערטער.

אין זיין פּינקטלאַכקייט און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צום וואָרט, שטייט ליכט אמנענטסטן צו אונדזער בעסטן סטיליסט מענדעלע.

„איך וויל געפינען די געהויבענע, סטאַטעטשנע, ניכטערע ווערטער
און זיי צוזאַמענפּאַסן מיט מיינע אייגענע אויסגעטראַכטע,
פאַרקלערטע — "

ווייל

„...איך וויל זיין בבחינת נאַטור
און שאַפן די רעגימענטאַציע פון שפּראַך וואָס פאַרורזאַכט
אַ נייע אָרדנונג אין דער מענטשלאַכער דערקענטניש".

(פּראָצעסיע 4).

## ר ש י מ ה

### פון מיכל ליכטס געדרוקטע זאַכן

## 1917

„בלאָנדזשענדיק“ און „פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך“ (לידער) אין „אָנהויב“, (נויאָרק).

„היענע“ (סקיצע) אין „טאָג“, מאַי 9 (נויאָרק).

## 1919

„פון ערגעץ“ און „קעגן שטראָם“ (לידער), אין „פעדער“, יוני (נויאָרק).

„סטיל און ליטעראַטור“ (ליטנאָטיץ), אין „פעדער“, יולי.

„קעטסקיל בערג“ (לידער), דאָרט.

דריי לידער אין „פעדער“, אויגוסט.

ליד, אין „פעדער“, סעפּטעמבער.

קאַליל גיבראַנס „נאַכט און דער וואַנזיניקער“ (איבערזעצונג פון), דאָרט.

„פיר אויסצוגן“ און „נאָקטורן“ (לידער), אין „פעדער“, אָקט.־נאָוו.

„קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן“ (א. נ. : א. בעלאָזאָרקער), דאָרט.

„אַ שטורעם אין אַ טינטער“ (וועגן א. הורוויצס „משה נאַדיר“), דאָרט.

## 1920

„שטילקייט און רעגונג“ (ליד), אין „פעדער“, יאַנואַר.

פיר לידער, אין „פעדער“, פעברואַר.

„טראַדיציע“ (ליד), אין „אין זיך“, מערץ (נויאָרק).

„אימאַרטעלן“ (א. נ. : א. בעלאָזאָרקער), אין „פעדער“, אַפּריל.

דריי לידער (פון „פּראָצעסיע 2“), אין „שריפטן“, ווינטער־פרילינג (נויאָרק).

„אורסולאַ פאַפּטאַן“ (ציקל־טייל), אין „אין זיך“, אַפּריל־מאַי.

„אַן אָוונט“ (פּראָזע פראַגמענט), אין „אין זיך“, יוני.

## 1921

„קאַרל סאַנדבורג“ (נאָטיץ), אין „לאַגלען“, נאָוועמבער (נויאָרק).
צוויי לידער, דאָרט.
„אין שליסל פון וויים“ (ליד), אין „לאַגלען“, דעצעמבער.
„דער לויטערער טורעם“ (דערציילונג), דאָרט.
„פינף שוואַלבן“ (ליד), דאָרט.
„אין לאַבירינט פון זאַכן“ (א. נ.: עקס וויי זי), דאָרט.

## 1922

„אן פאַסאַן“ (אַרטיקל), אין „לאַגלען“, יאַנ.־פעב.
„לעגענדע“ (פּאָעמע), דאָרט.
„איזרא פאַונד“ (אַרטיקל), דאָרט.
„זונטיק: פינפטע עוועניו“ (ליד), אין „נײַ־אידיש“, אויג.־סעפּט. (נויאָרק).

„עגאָעמען און אַנדערע לידער פון מיכל ליכט“, זאַמלונג, בראָשירט, 64 זײַטן, אין פאַרלאַג „לאַגלען“, נויאָרק, 1922.

„אַ ווײַלע אין דמשק“ (דערציילונג), אין „אין זיך“, דעצעמבער.

## 1923

„וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזן“ (פּאָעמע), אין „אין זיך“, יאַנואַר.
„אַמעריקאַנער בריוו“, דאָרט.

## 1925

„מאַלפּן־טאַנץ“ (דערציילונג), אין „1925“, מאַרט (נויאָרק).
„ליטעראַטור פּראָבלעמען“ (אַרטיקל, א. נ.: א. בעלאָזאָרקער), דאָרט.
„עדיטאָריעלע נאָטיצן“, דאָרט.
„שמות“ (דערציילונג), אין „1925“, אַפּריל.
„אין קאַליידאָסקאָפּ“ (נאָטיצן), דאָרט.
„פּראָצעסיע 3“, אין „1925“, מאַי.
נאָטיץ, דאָרט.

„בריוו פון נויאָרק", אין „אָנזאָג", אויגוסט 28 (טאָראָנטאָ).
„בריוו פון נויאָרק", אין „אָנזאָג", סעפּטעמבער 11.
„אָפענער בריוו צו פּרץ מאַרקיש", אין „ליטעראַרישע בלעטער",
סעפּט. 18 (וואַרשע), (מיט נ. ב. מינקאָוו, י. סטאָדאָלסקי, ש. קורץ).
מאַלקאָלם קאולעיס „אין אויטאָמאַט: איינס ביינאַכט" (איבערזעצונג פון),
אין „אָנזאָג", סעפּט. 25.
„בערנאַרד לואיס" (נאָטיץ), אין „קולטור", אָקטאָבער 9 (שיקאַגאָ).
זעקס לידער, אין „1925", נאָוו.-דעצ.
סליטער בראונס „א צווישן פּלאַנעטן עפּיזאָד" (איבערזעצונג פון), דאָרט.
„מאָס, מעסיקייט און כאַאָטיקע" (אן אָפּפראַגע פון פּרץ מאַרקישס ענטפער,
„מאָס אָדער מעסיקייט" אין „ליט. בלעטער", סעפּט. 25), דאָרט.
„נ. ב. מינקאָוו" (אַרטיקל), אין "קולטור", דעצעמבער 4.

## 1926

„פּראָצעסיע 4", אין „1926", יאַנ.-פעב. (נויאָרק).
„די אַמעריקאַנער פּאָעזיע" (אַרטיקל), אין „אונדזער בוך", יאַנ.-פעב. (נויאָרק).
„א געשפּרעך וועגן צוגענגלאַכן און פאַרגענגלאַכן" (דיאַלאָג) אין „1926", מאַרט.
„א זומער פּאָסטלוד" (דערציילונג, א. נ.: א. בעלאָזאָרקער), אין „אונדזער בוך", מערץ-אַפּריל.
צוויי סאָנעטן, דאָרט.
„לידער פון יוסף ראָלניק" (רעצענז.), דאָרט.
„עטלאַכע ווערטער וועגן טראַגעדיע", אין „1926", אַפּריל-מאַי.
„פאַר א בלאַסער פאַווע" (ראַפּסאָד), אין „אונדזער בוך", יוני.
„גילדענע יויך און צינערנע לעפל" (דערציילונג), דאָרט.
„איך און — " (לידער), אין „אונדזער בוך", אָקטאָבער.
„וועגן צוגענגלאַכן און פאַרגענגלאַכן" (דיאַלאָג 2), דאָרט.
„פּראָצעסיע 5", אין „אונדזער בוך", נאָוועמבער-דעצ.
„טעאַטער און קינאָ" (נאָטיצן א. נ.: א. בעלאָזאָרקער), דאָרט.
דזשיימס ברענטש קעבלס „יורגען" (איבערזעצונג פון), אין פאַרלאַג
„גראָהאַר און סטאָדאָלסקי", 1926, נויאָרק.

## 1927

לאָרד באַלפורס „אַרגומענטאַציע אין פערזן" (איבערזעצונג פון), אין „אונדזער בוך", יאַנ.־פעב.

נייע אַמעריקאַנער פּאָעזיע (איבערזעצונג פון), דאָרט.

„פרילינג־אָדע: אַ פאַרזוך", אין „אונדזער בוך", מאַרט־אַפּריל.

פּ. ב. שעליס „עסיי איבער דער ליטעראַטור, די קונסטן און זיטן פון די אַפּינער" (איבערזעצונג פון), דאָרט.

נייע אַמעריקאַנער פּאָעזיע (איבערזעצונג פון), דאָרט.

„באַטראַכטונגען איבער דער מאַלטוזיאַנער טעאָריע" (פּאָעמע), אין „אונדזער בוך", יולי־אויגוסט.

ס. ס. עליאָטס „דער פולקאָמער קריטיקער" (איבערזעצונג פון), דאָרט.

נייע אַמעריקאַנער פּאָעזיע (איבערזעצונג פון), דאָרט.

לידער, אין „אונדזער בוך", סעפּט.־אָקט.

גערטרוד סטיינס „ליטעראַטור באַשרייבונגען" (איבערזעצונג פון), דאָרט.

לידער, אין „אונדזער בוך", נאָוו.־דעצ.

נייע אַמעריקאַנער פּאָעזיע, (איבערזעצונג פון), דאָרט.

ט. ס. עליאָטס „טראַדיציע און דער אינדיווידועלער טאַלאַנט" (איבער־זעצונג פון), דאָרט.

### א י ן  ד ר ו ק :

„וואַזאָן", לידער־זאַמלונג, אין פאַרלאַג „אידיש לעבן", נויאָרק.

### פאַרפאַרטיקט צום דרוק :

„וועלוול גאָטה", מעמואַר, ערשטער באַנד.